# ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א
# לאנ"ש שיחיו שברכו אותו, אור ליום ג' פ' שמיני,
# י"א ניסן ה'תשמ"ח
## לפני תפלת ערבית

עס זאָל מקויים ווערן באַ יעדערן, בתוך כלל ישראל, הבטחתו של הקב"ה אַז „כל המברך מתברך"[1] בברכתו של הקב"ה, וואָס „תוספתו מרובה על העיקר"[2], און — „מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה"[3], לכל אחד ואחת, בתוך כלל ישראל, בכל המצטרך לו,

ביז אין דעם ענין העיקרי (ווי דערמאָנט[4]) — די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ובפרט אַז דאָס (די גאולה) איז אַן ענין שהזמן גרמא,

סיי מצד החודש, חודש ניסן — כהבטחת תורת אמת ותורת חיים, אַז „בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל"[5];

סיי מצד השבוע — יום שלישי שהוכפל בו כי טוב[6], וואָס די גאולה איז שלימות הטוב, ביז טוב כפול, טוב לשמים וטוב לבריות[7], ווי זיי שטייען פאַראייניציקט אין אַ מציאות אחת (בכל רגע פון יום השלישי);

און סיי מצד השנה — שנת תִשְמַח און תְשַמֵח, און אויך אַ שנת הקהל, „הקהל את העם האנשים והנשים והטף"[8], וואָס שלימות השמחה און שלימות פון הקהל וועט זיין בגאולה העתידה — „שמחת עולם על ראשם"[9], און „קהל גדול ישובו הנה"[10].

וואָס די קביעות מאַכט דער זמן נאָכמער מוכשר אויף דער גאולה האמיתית והשלימה, און אַלע אידן גיין, „קהל גדול ישובו הנה", לארצנו הקדושה, און מ'גייט בזריזות — „לא עכבן אפילו כהרף עין"[11], „עם ענני שמיא"[12].

---

1) ראה סוטה לח, ב. ירושלמי ברכות ספ"ח, הובא בתוד"ה ואברכה — חולין מט, א.

2) ב"ר פס"א, ד.

3) ברכה השלישית דברכת המזון.

4) בברכת אנ"ש.

5) ר"ה יא, א. וראה שמו"ר פט"ו, יא.

6) פרש"י בראשית א, ז. מב"ר פ"ד, ו.

7) קדושין מ, א. וראה אוה"ת בראשית לג, א ואילך. משפטים ע' א'קכז. ועוד.

8) וילך לא, יב.

9) ישעי' לה, י. נא, יא.

10) ירמי' לא, ז.

11) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

12) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א.

און מ׳האָט שלימות הארץ, צוזאַמען מיט „ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך״[13] – אַלע עשר ארצות ואומות (נוסף אויף די שבע, אויך די שלשה ארצות קיני קניזי וקדמוני),

צוזאַמען מיט שלימות עם ישראל, „קהל גדול״ פון „האנשים והנשים והטף״ (כנ״ל), און אין יעדער סוג באַזונדער – שלימות פון יעדער פרט און פרט שבפרט, אין פרטי פרטים, ולאידך: יעדערער[14] אַלס פרט (בלייבנדיק אַ באַזונדער מציאות) ווערט אַ חלק פון דעם „קהל גדול״, ביז נאָכמער – ווי דער בעש״ט[15] זאָגט אַז העצם כשאתה תופס במקצתו אתה תופס בכולו[16].

און די שלימות (פון עם ישראל) פועל׳ט אויך אין דער גאַנצער וועלט, וואָס אויך זי באַשטייט פון התחלקות, „מה רבו מעשיך״[17], „מה גדלו מעשיך״[18], ביז אַ התחלקות עד אין סוף[19] – ווערט ביחד עם זה נתגלה לעין כל אַז די וועלט (און אַלע אירע פרטים) איז אַ רשות היחיד ליחידו של עולם, ובאופן פון „ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך״[20], וכמבואר בספר תניא קדישא[21].

ועוד והוא העיקר – ולא עכבן אפילו כהרף עין, תיכף ומיד ממש ממש.

[א׳ מרבני אנ״ש ברך את כ״ק אדמו״ר שליט״א בברכת כהנים, ואמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:]

ולאחרי תחיית המתים, ווען עס וועט זיין „משה ואהרן עמהם״[22], וועט יעדער איד און אַלע אידן – אַלס חלק פון דעם עצם פון אַ קהל גדול – הערן די אַלע ענינים וברכות – אַ ברכה גדולה[23] – פון אהרן כהן גדול, בבית המקדש השלישי – אַ בית גדול[24].

---

13) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. ובספרי ופרש״י שם.

14) ראה בארוכה בהשיחה (דאור לי״א ניסן) שלאחרי תפלת ערבית. מכתב די״א ניסן (לקמן ע׳ 214).

15) כתר שם טוב הוספות סקט״ז. וש״נ.

16) היינו שגם בתור מציאות בפ״ע (ולא בתור חלק מהקהל) – הרי הוא תופס כל העצם.

17) תהלים קד, כד.

18) שם צב, ו.

19) ראה ד״ה מים רבים תשי״ז (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נא ואילך) ס״ט. ובכ״מ.

20) ישעי׳ ל, כ.

21) פל״ו.

22) ראה תוד״ה אחד – פסחים קיד, ב. יומא ה, ב.

23) כי היא ברכה של הכהן גדול, שלמעלה מ(ברכת) שאר הכהנים – ראה ברכת ערב יוהכ״פ (להתלמידים שיחיו) תשמ״ז בתחלתה ובהערות שם.

24) כמש״נ גדול יהי׳ כבוד הבית גו׳ (חגי ב, ט) כפשוטו קאי על ביהמ״ק הג׳ (זח״א כח, א).